באַריכט פֿון מאָנטרעאַלער קאָמיטעט

דוד־הירש ראָסקיס

אין יאַנואַר 1965 בין איך אױפֿגעשטאַנען אײנעם
זאַל פֿון אַטראַן־קולטורהױז בײַ דער ערשטער קאָנפֿערענץ
און כ׳האָב אױסגערופֿן: מיר טאָרן ניט גײן אױף קײן
קאָמפּראָמיסן! פֿאַר די װאָס פֿרעגן, װאָס קאָנען מיר טאָן
פֿאַר אונדז? האָב איך לײַכט געענטפֿערט: מיר דאַרפֿן
זיך אױסלערנען ייִדיש, מיר דאַרפֿן אַלײן אַרײַננעמען אין
אונדזער גרופּע און צוזאַמען מיטאַרבעטן פֿאַר ייִדיש... x
אױף זײַט 6 פֿונעם 2טן נומער *יוגנטרוף* איז פֿאַראַן
אַ גאַנצער דיסקוסיע װעגן פֿרעמדשפּראַכיקע קאָמיטעטן.
די אָפּשטימונג איז געװען אַז ייִדיש איז די אָפֿיציעלע שפּראַך
פֿון *אַלע* קאָמיטעטן און קרײַזן. אױב עס װעלן זיך שאַפֿן
פֿרעמדשפּראַכיקע ~~גרופּע~~ קרײַזן פֿאַרלאַנגען מיר אַז זײ
זאָלן זיך גלײַך אױסלערנען ייִדיש, און מיט דער צײַט
אין גאַנצן איבערגײן אױף ייִדיש.

איך קום איצט צוריק פֿון אַ באַזוך אין מײַן הײמשטאָט
מאָנטרעאַל! איך האָב איבערגעגעבן אַז אין מיטן מײַ װעט
מסתּמא פֿאָרקומען אַ יוגנט־יצפּור צוגעגרײט און דורכגעפֿירט
פֿונעם יוגנטרוף. מעגט איר אפֿשר מײנען אַז אַלץ איז לעבעדיק
און לוסטיק. לײַדער ניט. אָביעקטיװ גערעדט האָב איך
אַפֿילו ניט געזען אַז דער מאָנטרעאַלער קאָמיטעט שטײט אױף
אַן אָרט. װײַל דער אמת איז אַז ער *צינקט* ~~אַרײַן~~ אױף
אַן אָרט. במשך פֿיר חדשים זײַנען פֿאָרגעקומען צװײ
זיצונגען. די צװײטע האָב איך אָנגעפֿירט. עס זײַנען געקומען
פֿיר מענטשן. די אַלטע ייִדישיסטן אונדזערע מיט װעלכע
מיר שטעלן זיך אַזױ װאָס האָבן גערויגט דאָס ייִדיש
פֿון דעם מאָמענט דורסט ~~האָבן~~ פֿ זײַנען געװאָרן דורכאױס
אַפּאַטיש. די אַקטיװע מיטגלידער קאָן מען צײלן אױף די
פֿינגער (פֿון אײן האַנט). איך װיל ניט קלינגען ציניש. פֿאַר
מיר איז דאָס זײער אומפֿײַנלעך. אָבער מען מוז
~~זאָגן~~ קוקן דעם אמת אין פּנים אַרײַן.
האָב איך אַ פּלאַן. איך האָב אים דיסקוטירט מיט
אַ צװײ מאָנטרעאַלער און די אײדער איז ~~א~~ זײ מיר אַלײן
װײניקער געפֿעלן (געװאָרן). דער פּלאַן איז קודם־כּל אַ קאָמפּראָמיס.
איך לײג פֿאָר אַז אין מאָנטרעאַל זאָל מען שאַפֿן אַ
יוגנטרוף שטודיר־גרופּע, אַ פֿרעמדשפּראַכיקע קרײַז.

דער צעציקרו קרײַז ~~וואָס~~ דאַרף באַשטיין פֿון יוגנטלעכע
וואָס ווילן זיך אויסלערנען ייִדיש און ווילן אַרײַנגיין אין
אין אינטעלעקטועל־קולטורעלע סביבה ווו ייִדישע פֿראַגעס
ווערן דיסקוטירט. דער קרײַז דאַרף זיך טרעפֿן יעדע וואָך
אויף אַנדערהאַלבן שעה (אָדער מער): אַ האַלבע שעה
~~ב~~ געווידמעט גראַמאַטיק און לערנען די שפּראַך און
אַ שעה צו דיסקוטירן אַרטיקלען ~~ייִדיש~~ דער צײַטונגען
צו הערן אַ רעפֿעראַט, צו לייענען אייגענע שאַפֿונגען
און אַפֿשר אַפֿילו צו זען אַ פֿילם. מיט וואָס איז אַזאַ
גרופּע אַנדערש פֿון דער געשילדערטער אין "צווייטן" (וואָס?)
מיט דעם וואָס די גרופּע וועט זײַן אַן אַפּאָליטישער טייל
פֿון אונדזער אָרגאַניזאַציע ניט נאָר אַ נאָענט קאַנט פֿון
אונדזערס (נאָר אָרגאַניזירט דורך אונדז.
צו צוגרייטן מאַטעריאַל פֿאַר אַזאַ קרײַז איז אַ שווערע
אַרבעט. דערשטנס דאַרף מען צוגרייטן אַ האַנטבוך פֿאַר
לערנען ייִדיש (מיט דער בערליץ־מעטאָדע, באַזירט אויף
האָלענדיש ייִדיש), ~~און~~ צווייטנס אַ "הפּשר" צוזאַמל אַרטיקלען
(אויף ענגליש) וועגן ייִדישע ~~פּראָבלעמען~~ און אַלגעמיינע
פּראָבלעמען = באַציִונגען צווישן ייִדן און נעגער, ראַדיקאַליזם, דיסקרימינאַציע
אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע, פֿאַשיסטישע גרופּעס, די דריטע
וועלט, ייִדן אין דער קאָמוניסטישער וועלט, די "ראַדיקאַלע רעכטע"
און דער עקסטרעמיזם, די צעטיילונג פֿון שטאַט און רעליגיע
דער אייכמאַן־פּראָצעס, דער אוישוויץ־פּראָצעס און די מאָראַלישע
פּראָבלעמען וואָס זיי ברענגען, די צוקונפֿט פֿון ייִדיש
לעבן אין אייראָפּע, רעליגיע און ייִדן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד,
~~ת~~ ישׂראל און וועלט־ייִדנטום, ייִדישע דערציִונג - די ראָלע
פֿון רעליגיע און שפּראַך אין ~~קאַמף~~ לערן־פּלאַן, אַסימילאַציע